**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שניידט די 'ריבאן' צו עפענען די 2023 גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר**

***פייערט דאס אריינברענגען די 'אזיאנער ווילעדזש' און פארבעסערונגען צו מאכן די פעיר ציהענד פאר אלע ניו יארקער***

***מאכט א טור צו זעהן ציגעלע גארטן און Cheyenne Street פארבעסערונגען, די ערשטער פראיעקטן פון 34.7 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אנאנסירט לעצטע יאר***

***טיילט מיט צוגענגליכקייט פארבעסערונגען צו זיכער מאכן אז אלע מענטשן ווערן אריינגענומען אויף די פעיר שטחים***

***אנאנסירט נייע 1 מיליאן דאלארדיגע מאקעטינג RFP צו טרייבן אגרי-טוריזם און שטופן קאונטי פעירס ארום די סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געעפנט די 2023 גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, זיך אנשליסנדיג מיט סטעיט און לאקאלע בעאמטע פאר א 'ריבאן' שניידונג צערעמאניע צו אנהויבן די 13-טאגיגע תקופה פון די לאנד'ס עלטסטע סטעיט פעיר. די גאווערנער האט אויך געשניטן די 'ריבאן' אויף 'אזיאנער ווילעדזש', די נייעסטע קולטורישע 'ווילעדזש' ביי די פעיר. די גאווערנער און די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets) וואס איז אחריות צו אויפזעהן איבער די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר האבן דאס געמאכט פאר א פריאריטעט צו זיכער מאכן אז די פעיר איז א פלאץ וואס נעמט ווארעם אויף אלע ניו יארקער און אלע באזיכער. די אזיאנער ווילעדזש שליסט זיך אן מיט לאטינאָ ווילעדזש, פאן-אפריקאנער ווילעדזש און אינדיאנער ווילעדזש צו גיבן געלעגנהייטן פאר באזיכער צו די פעיר צו זעהן און געניסן פון- און לערנען איבער די פון די פילע הונטערגרונטן און קולטורן פון ניו יארקער.

"די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו פייערן אונזערע פארמער, פראדוקטן, קולטור און פארשידנארטיגקייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק'ס פארמער און אגריקולטורישע אינדוסטריע זענען וועזנטליך צו אונזער אידענטיטעט, און איך מוטיג ניו יארקער און באזיכער צוגלייך צו מאכן די רייזע צו די וואונדערבארע טראדיציע און פייערן די עמפייער סטעיט'ס שפע פון אוצרות."

געפונענדיג זיך נעבן טויער נומער 4 אויף די פעיר שטחים, אנערקענט אזיאנער ווילעדזש די ביישטייערונגען, היסטאריע און ערפארונגען פון אזיאנער-אמעריקאנער, נעיטיוו האוואיען און פאציפישע אינזלען-אפשטאמיגע קאמיוניטיס דורך מוזיק, געטענץ, עסנווארג און א צאל פון אנדערע ספעציעלע געשעענישן. אזיאנער ווילעדזש גייט אן ביז שבת, אוגוסט 26 אום 10 ביינאכט.

דורכאויס די גאווערנער'ס באזוך האט זיך אויך געמאכט א טור ארום פארבעסערונגען פון די גאס געמאכט אויף די Restaurant Row, א נייע 2,500-סקוועיר-פיסיגע ציגעלע גארטן (די Goat Pavilion – וואס לויפט אויף סאלאר און אפפערט א פלאץ אונטער די אפענע הימל פאר ציגעלע פארשטעלונגען – און א נייע 1,600 סקוועיר-פיסיגע בודקע וואו צובייס ווערט פארקויפט פאר די באזיכער, צולייגנדיג צו די פעיר'ס רייע פון פערמאנענטע סטרוקטורן. די פארבעסערונגען זענען א חלק פון 34.7 מיליאן דאלאר אין אינוועסטירונגען וואס די גאווערנער האט אנאנסירט פאר די פעיר דורכאויס איר באזוך לעצטע יאר. א גרינהויז און גערטנער חינוך'דיגע צענטער, א נייע שאף שטאל און וואל צענטער און נייע פערד שטאלן ווערן אויך אויפגעבויט, ערווארטעט צו פארענדיגט ווערן ביז די 2025 גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר. די פארבעסערונגען בויען ארויף אויף מער פון 125 מיליאן דאלאר אין רענאוואציעס און נייע קאנסטרוקציע זינט 2015.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור דעפארטמענט קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "עס איז שטענדיג גוט צו זיין צוריק צו די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, פייערנדיג די באליבטע ניו יארקע טראדיציע וואס שיינט ארויף א ליכט אויף די סאמע בעסטע פון וואס אונזער סטעיט האט צו אפפערן. אנגעהויבן פון געשמאקע עסנווארג און פאנטאסטישע מוזיק ביז באגייסטערנדע אגריקולטורישע אויסשטעלונגען וואס ווייזן ארויס די שווערע ארבעט פון אונזערע אגריקולטורישע קאמיוניטיס — אפפערט די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר עפעס ספעציעל פאר יעדע סארט באזוכער. איך בין דאנקבאר פאר אלע שותפים וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען, יאר נאך יאר, צו אהערשטעלן א פעיר וואס ווייזט באמת ארויס אלעס וואס עס איז דא צו ליב האבן איבער ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט פעיר דירעקטאר, שאן הענעסי, האט געזאגט,** "היי יאר, האט די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר אזויפיל באגייסטערנדע נייע געאפפערטע פראגראמען פאר באזיכער – פון פארמערטע צוגענגליכקייט מאסנאמען ביז פארברייטערטע קולטורישע אויסשטעלונגען – צו העלפן מער ניו יארקער מאכן נייע און באליבטע זכרונות אויף אונזערע פעיר שטחים. איך קוק ארויס צו מיטטיילן די נייע אינציאטיוון און פייערן די באערהטע טראדיציעס מיט פעיר באזיכער פאר נאך א געוואלדיגע יאר ביי די פעיר!"

אין צוגאב האט די גאווערנער אויך באזוכט די יונגווארג געביידע וואס האט לעצטנס באקומען א נייע צוגאב פון א צוגענגליכע ראמפע, צושטעלנדיג באקוועמע צוטריט צו די סטעידזש פאר די וועלכע נוצן א ווילטשעיר. די יונגווארג געביידע איז די פלאץ וואו די 4-H פארשטעלונגען און פארמעסטן ווערן אפגעהאלטן דורכאויס די פעיר. די גאווערנער האט זיך באטייליגט ביי די Cornell Cooperative Extension's 4-H פראגראם דורכאויס אירע קינדער יארן, און זי איז די ערשטע גאווערנער אין אמט וואס איז באערהט געווארן מיט די 4-H אויסגעצייכנטע געוועזענע סטודענט מעדאל, אן ערהע וואס זי האט באקומען לעצטע יאר.

די ראמפע איז איינס פון צווי צוגענגליכקייט פארבעסערונגען וואס די פעיר'ס אדמיניסטראטיווע מאנשאפט האט געלייגט אלץ פריאריטעט היי יאר. אין צוגאב האט די פעיר אויך אויסגעפלאסטערט א פלאץ מיט שטיינדלעך אין סאָבאוירבען פארק צו ערלויבן פאר צוגענגליכע פלעצער צו זיצן. אין פאריגע יארן איז צוגענגליכע זיץ פלעצער אין סאָבאוירבען פארק צוגעשטעלט געווארן אויף א פלאטפארמע סטיל; אבער די וועלכע נוצן ווילטשעירס האבן געדארפט זיצן ווייטער פון די סטעידזש.

אזוי ווי בירגער/שכנים פלאנירן זייער באזוך(ן) צו די 2023 גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר, שטעלט די פעיר צו א רייע פון אקאמאדירונגען פאר די וועלכע לעבן מיט דיסאביליטיס. אקאמאדירונגען ווערן אויסגערעכנט אין א צוגענגליכקייט סערוויסעס מאפע וואס ליגט אויף די פעיר'ס וועבזייטל און אזוי אויך ביי דיגיטאלע קיאסק פארשפרייט ארום די פעיר שטחים דורכאויס די פעיר.

אלץ חלק פון די פארפליכטונג צו פארשטערקערן ניו יארק'ס קאונטי און לאקאלע פעירס (קארניוואלן), ארײנרעכענענדיג דאס אז די לאקאלע פעירס און די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר זאלן שטופן איינער דעם אנדערן, האט די גאווערנער אנאנסירט אז אן אײנלאדענונג פאר פארשלאגן ( Request for Proposals, RFP) איז ארויסגעלייגט געווארן פאר א 1 מיליאן דאלארדיגע מארקעטינג און אדווערטייזינג קאמפיין צו שטופן לאקאלע פעירס. די סטעיט האט מער פון 50 קאונטי און לאקאלע פעירס וואס העלפן די סטעיט ארויסווייזן אגריקולטורישע פראדוקטן, סטאנדארטן, היסטאריע און טראדיציעס. די מארקעטינג און אדווערטייזינג קאמפיין וועט זיין אויסגעשטעלט צו פארמערן באטייליגער ביי די סטעיט'ס קאונטי און לאקאלע פעירס, און אזוי אויך צו אויפקלערן קאמיוניטיס איבער די וועגן וויאזוי פעירס העלפן שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס און אגריקולטור. פארשלאגן דארפן אריינגעגעבן ווערן ביז אקטאבער 18, 2023. מער אינפארמאציע קען געפונען ווערן [דא](#).

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מעניאן האט געזאגט,** "די עפענונג טאג פון די פעיר איז א טייער-געהאלטענע טראדיציע אזוי ווי מיר פייערן ניו יארק סטעיט, מאכן נייע זכרונות און געניסן פון אונזערע אלטע באליבטע זאכן. די פעיר איז אן עקאנאמישע קראפט פאר צענטראל ניו יארק, און עס איז א ספעציעלע זכות און אחריות צו פארטרעטן די פעיר שטחים. זינט איך בין אריין אין אפיס, האב איך געשטיצט צענדליגע מיליאנען דאלארן אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און נייע באקוועמליכקייטן פאר פעיר באזיכער. אלץ פארזיצער פון די דיסאביליטיס קאמיטע, בין איך באזונדערס שטאלץ מיט די נייע צוגענגליכקייט פארבעסערונגען וועלכע וועלן העלפן אלע ניו יארקער זיך באטייליגן און אינגאנצן געניסן פון די פעיר. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו צענטראל ניו יארק."

**סטעיט סענאטארשע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר איז איינס פון מיין באליבטע יערליכע טראדיציעס דא אין צענטראל ניו יארק. עס איז געקומען די צייט צו ארויסווייזן די אלע וואונדערבארע סצענעס, שטימעס, קולטורן און עסנווארג וואס ניו יארק האט צו אפפערן. היי יאר איז באזונדערס באגייסטערנד צוליב עטליכע ערווארטעטע צוגאבן צו די פעיר שטחים, ארייננרעכענענדיג די נייע אזיאנער ווילעדזש און א הערליכע ציגעלע גארטן. די פארבעסערונגען פארזיכערן די פארשידנארטיגקייט און לעבהאפטיגקייט פון די פעיר אריין אין די צוקונפט, און זיי וואלטן נישט געקענט געמאכט ווערן אן גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און איר איבערגעגעבנקייט צו האלטן די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר אלץ די בעסטע פעיר אינעם לאנד."

**סטעיט סענאטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,** "די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר איז א פייערונג פון ניו יארקע אגריקולטור און שטעטלישע טראדיציע וואס מיר האבן געהאלטן טייער פאר דורות, און היי יאר קערט זיך עס צוריק זיגבאר מיט נייע אויסשטעלונגען און געלעגנהייטן פאר פאמיליעס צו מאכן געוואלדיגע זכרונות אויף די פעיר שטחים! פעיר באזיכער קענען באקומען די ערפארונג פון די שטאלץ פון אונזערע שטעטלישע קאמיוניטיס, פון די געוואלדיגע 4-H פארשטעלונגען און פארמעסטן ביז די בהמות און חיות אויסשטעלונגען און אונזערע קליינע ביזנעס געשעפטן. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר די אגריקולקטור און מארקעטס דעפארטמענט און אלע שותפים וועלכע מאכן די פעיר פאר אן אומפארגעסליכע ערפארונג פאר יעדן."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "שטאלצערהייט פלאצירט אין די 129'סטע אסעמבלי דיסטריקט, וויל איך ווידעראמאל ענטפאנגען יעדן איינעם צו די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר. איך קוק ארויס צו זעהן אלע נייע אטראקטציעס און אויסשטעלונגען פאר 2023. די זומער טראדיציע אפפערט א געלעגנהייט פאר באזיכער פון ארום די גאנצע לאנד צו זעהן וואס ניו יארק סטעיט האט צו אפפערן, פון עסנווארג און אונטערהאלטונג ביזן פארשטעלן ניו יארקע אגריקולטור און קליינע ביזנעסער."

**אסעמבלי מיטגלידערין פאמעלא דזש. האָנטער האט געזאגט,** "איך בין פרייליך צו באגרוסן די צוריקקער פון די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר צו צענטראל ניו יארק! היי יאר ברענגט נייע און באגייסטערנדע ערפארונגען פאר פעיר באזיכער, אריינרעכענענדיג די אזיאנער ווילעדזש און א דיינאסאור אויסשטעלונג, צוזאמען מיט פארבעסערונגען צו עקזיסטירנדע איינריכטונגען און אטראקציעס וועלכע ציהלן צו באווייכערן די ערפארונג פאר אלע ניו יארקער. איך קוק ארויס צו זעהן פאמיליעס פון אריבער אונזער גאנצע ראיאן געניסנדיג פון די אייגנארטיגע ערפארונגען וואס נאר אונזער פעיר קען צושטעלן!"

**אסעמבלי מיטגליד אלבערט א. סטירפ דזשוּניאר האט געזאגט,** "דיווארט איז פאריבער. די גרעיט NY סטעיט פעיר איז אפן! פאר די קומענדיגע 13 טעג וועלן לאקאלע פאמיליעס און טוריסטן צוגלייך געניסטן פון שפילערייען,ריידס, געשמאקע און פארשידנארטיגע עסנווארג און וועלט'ס-קלאסישע מוזיקאלישע אונטערהאלטונג. עס איז א געוואלדיגע וועג צו פארענדיגן דעם זומער. מיר וועלן זיך זעהן ביי די פעיר!"

**אסעמבלי מיטגליד דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "פונקט ווי אייביג, קוק איך ארויס צו געניסטן פון די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר. די פעיר גיבט א וואונדערבארע געלעגנהייט צו זעהן און געניסן פון אזוי פיל פון וואס אונזער סטעיט האט צו אפפערן. איך קוק באזונדערס ארויס צו זעהן די נייע אויסשטעלונגען און פארבעסערונגען וועלכע זענען געמאכט געווארן צו די פעיר היי יאר. אלץ אגריקולטור פארזיצערין, וועל איך אריבערגיין צו זעהן די נייע 'שטימע פון דעם פארמער' אויסשטעלונג און די ציגעלע גארטן. א דאנק פאר אלע וועלכע האבן געארבעט א גאנץ יאר אויף די געוואלדיגע געשעעניש."

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי עקזעקיוטיוו מעקמעהאן האט געזאגט,** "אָנאָנדאַגאַ קאונטי איז שטאלץ צו זיין די היים פון די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר און באגרוסט די טויזנטע איבער טויזנטע באזיכער פון אריבער די סטעיט און לאנד צו אונזער קאמיוניטי. יעדעס יאר אפפערט די פעיר עפעס נייע און באגייסטערנד, און די יאר איז נישט אנדערש." מעקמעהאן האט פארגעזעצט, "איך קוק ארויס צו נאך אן ערפאלגרייכע פעיר וואס ווייזט אן אויף די פילע ביישטייערונגען וואס אָנאָנדאַגאַ קאונטי און צענטראל ניו יארק אפפערן, און איך מוטיג יעדן איינעם צו קומען באזוכן די 2023 גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר!"

**סירעקיוּס מעיאר בען וואַלש האט געזאגט,** "די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר איז ווי א צונאמען פון סירעקיוּס און עס איז אן עקאנאמישע טרייב קראפט פאר די שטאט און פאר אונזער ראיאן. איך וועל זיין ביי די פעיר שטחים מערערע מאל אין די קומענדיגע טעג, און איך מוטיג מענטשן פון ארום צענטראל ניו יארק, די סטעיט און דאס לאנד צו באזוכן בעפאר די פעיר קומט צו אן ענדע. מיט גאווערנער האקול'ס שטיצע, האלטן די איינריכטונגען און אטראקציעס אין איין ווערן בעסער. לאמיר מאכן די 2023 סטעיט פעיר די בעסטע ביז היינט!"

די גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר גייט אן ביז לעיבאר דעי, מאנטאג, סעפטעמבער 3.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן